טעמו ראו
קטע משיחת כ״ק אדמו״ר זי״ע - ללמוד וללמד
Broadening and deepening your
Torah-knowledge base on selected topics
Volume 1 Issue 10

ב"ה

**פרשת בשלח**

**"ותען להם מרים שירו לה' ..." (שמות טו כא)**

## איך יכלו מרים ונשות ישראל לשיר בפני הגברים, הרי " קול באשה ערוה"?

וויבאלד אז מ'רעדט שוין וועגן מעלת האשה, איז דא אויך כאן המקום להזכיר אט דאס וואס מ'האט דערמאנט עטלעכע מאל – אויך בהתוועדות דיו"ד שבט, דעם לשון פון "ותשר מרים", אע"פ וואס דער לשון הכתוב (ביי מרים) איז "ותען מרים", און דאס איז כדי צו לישור.

ס'איז דא מפרשים וואס שטעלן זיך, פארוואס שטייט דער לשון "ותען להם מרים", און עס שטייט ניט ווי דער לשון "ותשר דבורה", און מ'פארענטפערט, אז אזוי ווי "קול באשה" איז דאך ניט אן ענין פון צניעות, איז דערפאר ביי מרים איז געווען מערניט ווי "ותען", אבער ניט דער ענין פון "ותשר".

ביז וואנעט אז מ'ברענגט נאך א ראיה, פארוואס עפעס איז דווקא ביי די נשים איז געווען "תופים", פארוואס איז דאס ניט געווען בא אנשים, איז דער תירוץ איז, אז קול פון אנשים, האט מען ניט געדארפט "פארקלאפן" מיט א "תוף", מה שאין כן קול פון נשים",

איז דאך אן ענין וואס איז היפך הצניעות, האט מען געזונגען שטילערהייט, און מ'האט געקלאפט שטארק "בתופים", כדי מען זאל ניט הערן די קול הנשים. אזוי זיינען דא מפרשים וואס ווילן אזוי מפרש זיין.

רש"י איז לגמרי שולל. רש"י ברענגט אראפ די דעת פון מכילתא, וואס דארט שטייט בפירוש, אז פונקט – "כשם" ווי משה האט געזאגט שירה לאנשים, אזוי האט מרים געזאגט שירה – לנשים?!

און א הוכחה אויף דערויף קען מען ברענגען פון דעם וואס שטייט דערנאך "ותשר דבורה".

אזוי אויך איז דא א הוכחה אויף דערויף, פון דעם וואס שטייט גלייך נאך "ותען להם מרים" – "ותאמר להם – "שירו לה' גו'".

איז אמת אז אין דערויף ווילן זאגן מפרשים ראשונים בעלי סמכא, אז דערפאר שטייט "להם" – מיט א "שלאס מ"ם", ניט להן – מיט א "לאנגן נו"ן", לשון נקבה, דערפאר וואס מרים האט דאס געזאגט לאנשים, אז זיי זאלן זינגען.

וואס אין דרך הפשט איז דאס אינגענצן מופרך: וואס האט זי געדארפט זאגן לאנשים, אויב עס איז שוין געווען "אז ישיר משה ובני ישראל" – האבן די אלע מאנסביל שוין געזאגט שירה?!

און ווי גערעדט, אז דערפאר איז רש"י, וואס ער לערנט פשוטו של מקרא, און ווי רבותינו נשיאנו זאגן – אז דארט איז דא "יינה של תורה", זאגט מען בפירוש, אז משה האט געזאגט שירה לאנשים, און מרים האט געזאגט שירה לנשים.

דער קשיא – אז "קול באשה" איז דאך ניט דער ענין פון צניעות, אט דאס באווארנט רש"י פריער, און זאגט אז "זה אלי ואנוהו – מראה באצבעו".

און באווארנט אז "ראתה שפחה על הים מה שלא ראו – אפילו גדולי הנביאים", במילא האט דאס געזען אפילו א שפחה, און זי האט געזאגט "זה אלי".
במילא פארשטייט אפילו א "בן חמש שנים למקרא", אז בשעת עס שטייט דער אויבערשטער און די נשים ואנשים באווייזן באצבע "זה אלי ואנוהו אלקי אבי וארוממנהו", איז ניט שייך צו מורא האבן פון ענין וואס איז היפך הצניעות.

ווי דער גמרא זאגט דאס צום סוף מסכת סוכה, אז בשעת ס'וועט זיין לעתיד לבוא, אז ס'וועט ניט זיין דער ענין פון יצה"ר, איז דעמולט דארף מען ניט באווארנען – עס קען זיין אנשים ונשים יחד.

על אחת כמה וכמה בנוגע צו קריאת ים סוף, ווארום בנוגע לעתיד לבוא איז דאס א גילוי פון "ואשפוך רוחי על כל בשר ונבאו בניכם ובנותיכם" – דאס איז א גילוי פון נבואה.

דאס קומט אבער ניט צו דעם גילוי וואס אפילו גדולי הנביאים האבן דאס ניט געזען, און דאס האבן געזען סיי נשים און סיי אנשים, און אפילו א שפחה האט געזאגט "זה אלי ואנוהו".

וויבאלד אז א שפחה האט געזאגט "זה אלי ואנוהו", איז דעמולט האט מען ניט געהאט וואס צו מורא האבן, אויב ס'וועט זיין דער "קול אשה" – אפילו אויב דאס איז דער קול פון שירה!

וואס דערפאר האט מען מדייק געווען, אז פונקט אזוי ווי דארט שטייט "ותשר דבורה", אזוי איז דא געווען ותשר מרים, איי וואס דא שטייט דער ענין פון "ותען", איז דאס א

באזונדער לימוד מיט א באזונדער פירוש פארוואס שטייט דא ניט בפירוש "ותשר", וויבאלד – ווי רש"י טייטשט אפ – אז מרים האט געזונגען צוזמען מיט די נשים.

וואס דאס איז בנוגע לענייננו – צו דערמאנען נאך אמאל, דער ענין פון מעלת הנשים, פון נשי ישראל, ווי גערעדט כמה פעמים, אז אן ענין וואס איז אין תורה, איז פונקט אזוי ווי תורה איז נצחית, איז אויך די הוראה פון תורה א הוראה נצחית.

לכאורה, וואס דערציילט מען וואס האט געטראפן מיט מרים, וכל הנשים אחריה, וואס איז געווען מיט טויזנטער יארן צוריק, דערציילט מען דאס איצער -

איז  די הוראה אין דעם, אז מען זאל וויסן זיין, אז יעדער בת ישראל, בכחה אז זי זאל שטייען אין אזא-מין מעמד ומצב, און אין אזא-מין מעמד ומצב, אז ווי מען זאגט, אז שירת מרים איז געווען קודם שירת המלאכים, ווי גערעדט אמאל בארוכה, און ווי אויך בפשטות – ווי רש"י ברענגט אראפ פאר א בן חמש למקרא, אז די שירה וואס מרים מיט די נשים האבן געזאגט, איז דאס די זעלבע דרגא, מיט די זעלבע קדושה און מיט די זעלבע שמחה ושירה, ווי משה אמר לאנשים און מרים אמרה לנשים.

*(משיחת ט"ו בשבט תשל"ב, שיחות קודש תשל"ב ח"א ע' 434)*

פרייקט זו נוסד  בימי השבעה לזכרון ולע"נ הרב גבריאל נח וזוגתו רבקה הי"ד
– שלוחי כ"ק אדמו"ר במומבאי , אינדיא